# די
# וואונדערליכע
# השגחה

# די וואונדערליכע השגחה

מיין באַבע ע״ה, אַ צדיקת פון דעם אַלטן דור, פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט דעם דאָזיגן זאָג פון דוד המלך עליו השלו׳, ווען זי האָט אַזוי האַרציג אויסגעזיינגען מיט דעם אימעטיג־זיסן ניגון פון דער ״צאנה וראנה״ זענען ווערטער ״ווי זייער גרויס זענען די ווערק פון דיר ג־ט, דיינע מחשבות זיינען זייער טיף״.

די דאָזיגע געשיכטע פון קדושה, מסירת הנפש, אומענדליכע אמונה און בטחון אין באַשעפער און אין זיין הילף, וואָס איך גיי אייך, מיינע חשוב׳ע לייענער, דערציילן, איז אַן אמת׳ע פּאַסירונג פון לעבן, וואָס האָט געטראָפן מיט אַ פרום־אידישע משפחה, מיט אַריבער צוואָנציג יאָר צוריק אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אין דער צושטערטער מזרח אייראָפּע, אין אַ מדינה וואָס איז פאַרשלאָסן פון דער פרייער וועלט, דורך דעם ״מסך הברזל״ פון דער קאָמוניסטישער ממשלה.

די גליקליכע עלטערן, אין אונזער געשיכטע, לעבן היינט אין ארץ ישראל. זיי וואוינען אין אַ קליינע דירה אין ירושלים עיר הקודש, זיך מסתפק במועט, לעבן באַשיידן אָבער גליקליך, שעפנדיג גאַנצע טייכן מיט נחת פון זייער בן יחיד — אַ באַקאַנטע פערזענליכקייט אין דער גאַנצער תורה־וועלט — און זיינע צען גערעטענע קינדער, בלי עין הרע, פון וועלכע איינער, דער עלטסטער, איז שוין אַ באַוואוסטער ראש־ישיבה אין אייראָפּע, און איינער זיצט און לערנט אין אַ כולל דאָ אין אַמעריקע, די אַנדערע אַכט, זון און טעכטער, לעבן אין ירושלים,

כולם אהובים כולם ברורים, תלמידי חכמים און ערליכע אידן, פון די אמת׳ע יקירי ירושלים, כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה׳.

די איינציגע זאַך וואָס איך האָב משנה געווען אין דער דאָזיגער וואונדערליכער מעשה, זענען די נעמען פון די באַטרעפנדע, און די נעמען פון די מקומות וואו זי האָט זיך אָפגעשפילט, וועגן וואָס איך בעט אַנטשולדיגונג פון מיינע חשוב׳ע לייענער.

ווען איר וועט זיך באַקענען — מיינע חשוב׳ע לייענער — מיט דער דאָזיגער געשיכטע, וועט איר פאַרשטיין, וואָס דער נעים זמירות ישראל האָט געמיינט מיט זיינע הייליגע ווערטער: **טוב להודות לה׳ ולזמר לשמך עליון...**

## א.

## אין בעזניץ

טרויעריג־פאַרכמאַרעט זענען געפלאָסן די טעג, וואָכן און יאָרן אין הויז פון מיכל גאָלד און זיין ווייב טויבע אין דעם שטעטל בעזניץ, מדינת מעהרען, טייל פון דער קאָמוניסטישער טשעכאָס־לאָוואַקיע, וואו מיכל האָט געאַרבעט אַלס געשעפטס־פאַרוואַל־טער אין דער דאָרטיגער קאָפּעראַטיוו, זייט זי איז געגרינדעט געוואָרן לויט דעם קאָמוניסטישן סיסטעם נאָך די מלחמה יאָרן.

מיכל איז געווען ווייט פון צו זיין באַגייסטערט פון דער קאָמו־ניסטווישער אידעאָלאָגיע, פאַרקערט, ער האָט זיי געהאַסט פון די טיפענישן פון זיין נשמה, אָבער זיין אויסערגעוועגליכע פאַכמאַ־נישקייט, און זיין אָפענבאַרע אָרענטליכקייט האָט איבערצייגט די דאָרטיגע שטאָטס מושלים אַז קיין פאַרלעסליכערן נאַטשאַלניק אין דער קאָרפּעראַטיווע וועלן זיי נישט טרעפן, און בעל־כרחם האָבן זיי אים געהאַלטן אויף זיין אַמט שוין אַריבער צוועלף יאָר, זייט ער האָט דאָס געשעפט איבערגענומען.

די טעג זענען נאָך ווי עס איז, אַריבער. מיכל אין זיין קאָנצע־לאַריע מיט צענדליגע פראָבלעמען און קאָפּ פאַרדרייעננישן, איז געלעגן ביז אין האַלז אין דער אַרבעט. טויבע, האָט זיך אויך געזוכט אַרבעט און באַשעפטיגונג אויף דעם סאָציאַלן געביט. געהאָלפן קראַנקע אין די שפּיטעלער, אַלטע־לייט אין די מושב־זקנים׳ס, וואָס האָט, נאַטירליך, אַרויסגערופן גרויס אַנערקענונג אַזוי ביי דער באַפעלקערונג ווי ביי די רויטע מושלים פון שטאָט, אַזוי אַז די טעג זענען נאָך געווען צום דערליידן, זייער שטענדיגע אַרבעט האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן פון זייערע צרות און ליידן, ווי אויך אין זייער ביטערן מצב, וואס האָט זיי צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן צו דעם נעכטן... אָבער די נעכט... נעבעך, זענען געווען ביטער ווי גאַל, די טרויעריגע מחשבות איבער זייער מצב האָבן זיי געפּייניגט מיט יסורי גיהנם, נישט איינמאָל האָט זיך טויבע אויפגעכאַפּט אין אַ קאַשמאַר, מיט יאָמערליכע קולות רופ׳נדיג די נעמען פון אירע אומגעבראַכטע קינדער אין דער היטלער־גיהנם, און נאָכדעם וואָס מיכל האָט זי אַביסל באַרוהיגט מיט צאַרטע רייד און מיט באַרוהיגונג פּילן, וואָס דער קרייז־דאָקטער האָט איר פאַרשריבן, איז שוין מער נישט געקומען קיין שלאָף אויף זייערע אויגן ביז אינדערפרי, ווען מיכל איז אויפגע־שטאַנען פון זיין בעט, געלייגט טלית און תפלין און געדאַוונט מיט גרויס כוונה, בעטנדיג דעם אויבערשטן ער זאָל זיי שוין צושיקן אַ ישועה מן השמים. ביי טויבן האָבן געקלאַפּט די שלייפן ווי מיט האַמערס, די טראַגישע מחשבות האָבן זי פאַרזינקען אין אַ טיפער מרה־שחורה, אַזוי אַז פילע מאָל האָט אויפגעוועקט אין איר דער געדאַנק אַז אפשר האָבן זיי שוין גענוג געוואַרט אויף דעם נס, אַז זייער בכור יאַנקעלע וועט זיך נאָך אָפּזוכן, וועלכע האָפענונג איז געווען די איינציגע סיבה וואָס האָט זיי געהאַלטן אין בעזניץ, וואו עס האָט שוין נישט געוואוינט קיין איינציגער איד זייט עטליכע יאָר, בלויז זיי זענען פאַרבליבן, געזעסן און געהאָפט מיט עקשנות און אויסגעהאַלטנהייט און געוואַרט... אַז אפשר דאָך...

## ב.

## דער חורבן

יאַנקעלע איז געווען דער עלטסטער פון זייערע פיר קינדער, דריי יונגלעך און איין מיידל, מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט זיי באַשערט פאַר דער בלוטיגער מלחמה, איין קינד שענער און געראָטענער פון צווייטן, יעדער האָט זיי מקנא געווען מיט דעם שיינעם לעבנס־שטייגער וואָס זיי האָבן געפירט, ווי מען זאָגט, צו ג־ט און צו לייטן, נישט אומזיסט איז מיכל גאָלד געווען פאַרעכנט פאַר איינער פון די שענסטע בעלי־בתים אין בעזניץ, וואו עס אי־ געווען א בעל־בית׳ישע קהלה פון אַרום הונדערט משפחות, פאַר אַ צייט געדינט אַלס ראש־הקהל, געזאָגט אַ שיעור אין דער חברה משניות, ער איז אויך געווען באַקאַנט פאַר אַ שיינער בעל צדקה, און טויבע זיין ווייב, די פרוי גאָלד אַ מיוחסת, האָט אויך אַרויסגענומען איר חלק אין די מעשי צדקה וחסד אין דער קהלה, זי איז געווען אַנערקענט פון אַיעדערן פאַר אַן אשת חיל.

דער ביטערער חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָט אָבער אַ סוף געמאַכט צו דעם אַלעמען, און אין יאָר 939׳ ווען די מערדערישע דייטשע חיילות האָבן פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע, איז זייער ערשטע זאָרג געווען — ווי איבעראַל — צו באַרויבן די אידן פון זייער האָב און גוטס, און נאָכדעם פון זייער פרייהייט, פאַרשפאַרט אין געטאָס, פון וואו מען האָט זיי פאַרשלעפּט צום טויט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער טערעזיענשטאָד, פון דאָרט קיין אוישוויץ, פון וואו עס זענען בלויז געציילטע צוריק־געקומען בנסי ניסים...

ווען די דעפּאָרטאַציעס האָבן זיך אָנגעפאַנגען, האָט זיך מיכל גאָלד געווענדעט אין זיין פאַרצווייפלונג צו זיינע גוי׳אישע ״פריינד״ מיט וועלכע ער איז פילע יאָרן געשטאַנען אין געשעפטליכע און פריינדליכע פאַרבינדונגען, בעטנדיג זיי, אים העלפן לכל הפחות צו ראַטעווען זיינע געראָטענע קינדערלעך פון דעם זיכערן טויט, און זיי אויסבאַהאַלטן, עד יעבור זעם, אָבער די

דאָזיגע "פריינד" האָבן זיך באַלד אַרויסגעשטעלט צו זיין מער "פיינט" ווי פריינד — עשו איז געבליבן עשו — זיי האָבן געזוכט אַלערליי פוילע תירוצים, און זיך האַרצלאָז אַרויסגעדרייט פון פאַרצווייפלטע און האַרצרייסענדיגע בקשות און געוויינען, אַז זיי זאָלן אויף עפעס אַן אופן ראַטעווען זיינע אומשולדיגע קינדער פון די בלוטיגע הענט פון די דייטשע מערדערס ימח שמם וזכרם.

## ג.

## די צוואה

די טעג פון דעם ביטערן גזר דין האָבן זיך דערנענטערט. פון די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך האָט מען שוין די אידן דעפּאָרטיר'ט קיין טערעזיענשטאָדט, און בעזניץ איז געקומען אין דער רייה ווען ער האָט באַקומען דעם אָנבאָט פון דעם דאָרטיגן גלח, אַז ער איז גרייט אַריינצונעמען בסודי סודות די קינדער אין דעם נאָנטן קלויסטער, געגן אַ גרויסן סכום געלט און גאָלד, און זיי נעמען אונטער "די פליגל" פון דער קירכע. נעמענדיג השגחה אויף זיי אויף זייערע נשמות, וואָס האָט ביי מיכלען אויסגעזען ווי זיכערער שמד רחמנא ליצלן.

אָבער קעגן דער דאָזיגער "טובה" האָט זיך מיכל'ס געוויסן שטאַרק אַקעגן געשטעלט. ער וועט דאָך נישט איבערגעבן זיינע טייערע קינדער צום שמד, עבודה זרה איז דאָך ביהרג ואל יעבור, און ווי קען ער זיך ערלויבן אַזאַ זאַך איבערגעבן צום שמד די אייניקלעך פון דעם וועלט-באַרימטן לאַנדס רב ר' מרדכי באַנעט זכרונו לברכה (וועמענס אייניקל טויבע איז געווען), און ער האָט ביי זיך פעסט אַנטשלאָסן, הי' לא תהי', דאָס וועלן ביי אים אפילו די הענקער אַליין נישט פועל'ן, און אפילו נאָך דעם ווען עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן אַז אַלע וועגן זיי צו ראַטעווען פון די קאַלעך אויוונס זענען פאַרמאַכט האָט ער נישט נאָכגעגעבן דעם שטן, און האָט זיך מיט דער אידישער קהלה געריכט צו גיין אויף קידוש השם...

אָבער ווען דער פינסטערער טאָג האָט זיך אָנגערוקט האָט זיך זיין עקשנות געבראָכן. דער אינסטינקט פון לעבן האָט גובר געווען, אַ נאַכט בעפאָר די דעפאָרטאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען, פון וואו מען האָט זיי געפירט אויף זייער לעצטן וועג האָט זיך אין אים און אין טויבע׳ן אויפגעוועקט אַ שטאַרק רחמנות אויף די יונגע לעבנס פון זייערע קינדערלעך און נישט זיך אַריינ־טראַכטנדיג אין דעם וואָס ער טוט, האָט ער — מיט די הסכמה פון זיין ווייב טויבע — זיי געכאַפט און אונטער דער שוץ פון דער נאַכט־פינסטערניש זיי אַריבערגעפירט אין קלויסטער, אויסער דער שטאָט מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן ווי די טאַטע־מאַמע האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע יונגע קינדער, אפשר אויף אייביג...

די איינציגע זאַך וואס ער האָט געטאָן, איז געווען אַז ער האָט געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט זיין בכור, דער גרעסטענע און קלוגער יאַנקעלע, אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 10־11, שוין געלערנט גמרא, געבענטשט מיט אַ גוט קעפּל און נאַטירליכער חכמה, וועלכער האָט שוין גוט באַגריפן דעם מצב, און זיך אריענטירט אין דעם בלוט שטורעם וואָס האָט זיי אַרום געכאַפּט, ער דער טאַטע האָט אים אָנפאַרטרויט די סכנה פון שמד וואָס וועט אויף זיי לויערן אין דעם קלויסטער, און אים אנגעזאָגט זיך אַקעגן צו שטעלן מיט אַלע זיינע כחות יעדן פאַרזוך מצד זייערע נייע אַפּטרופּסים, און נישט נעמען צו ערנסט זייער הדרכה, וואָס זיי וועלן דאָרט באַקומען, אויך האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אים אַכטונג צו געבן אויף זיינע קלענערע געשוויסטער, וועלכע פאַרשטייען נאָך נישט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, און האַלטן אויף זיי אַ וואַך אויף ווי ווייט מעגליך, ביז דער אויבער־שטער וועט העלפן...

דער קלוגער יאַנקעלע האָט זיך גוט איינגעהערט צו זיין טאַטן׳ס האַרצרייסנדע רייד, און מיט אַ יאָמערליך געוויין געזעגנט מיט אים, מקבל געווען אויף זיך צו דערפילן דעם וואונטש — אפשר דעם לעצטן — פון זיין טאַטן...

דעם צווייטן טאָג איז בעזניץ — ווי אַלע אידישע שטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיע — געבליבן "יודען־ריין" מיכל און טויבע זענען צוטיילט און פאַרשלעפּט געוואָרן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, וואו פילע פון זיי זענען באַלד פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן, און אפילו די וועלכע די דייטשע מערדערס האָבן פאַרשיקט צו דער אַרבעט, האָבן געזען דעם טויט פאַר זייערע אויגן הונדערט מאָל אין טאָג...

## ד.

## די פּליטה פון קלויסטער

די "גוטע און פרומע" גלחים, מיט די דערבאַרעמדיגע" שוועסטער פון דעם קלויסטער סוועטא־יאהאנס, וואו די אומגליקליכע גאָלד קינדער זענען גענומען געוואָרן אונטער די "הייליגע פליגל" פון דעם קריסטליכן "רחמנות" האָבן זיך באַלד צו מאָרגן גענומען צו זייער "הייליגער" אַרבעט. די קינדער האָבן זיך געמוזט באַטייליגן אין זייערע תפלות צוויי מאָל אין טאָג, און אויספירן די געבאָטן פון דער עוואנגעליע, ווי מען האָט זיי דאָרט געלערנט, זיי זענען געשטאַנען אונטער אַ שטרענגן דיסציפּלין, אַזוי אַז ווען יאַנקעלע — געדענקענדיג דעם טאַטן׳ס צוואה — האָט זיך אַקעגן געשטעלט די נאנע וועלכע האָט אים מיט זיינע קלענערע געשוויסטער אָנגעהאָנגען די קליינע צלם׳לעך אויף זייערע העלזער, האָט זי אים באַשטראָפט מיט א שעה קניהען אויף זיינע שוואַכע קניהעלעך, און מיט אַ האַלבן טאָג פאַסטן. ביי אַן אַנדערן געלעגנהייט ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ביי זייערע צערעמאָניעס צו קושן דעם צלם, האָט מען אים באַשטראָפט זיך צו שטעלן אויף די קניה, און אַזוי זיך שלעפּן צו דער קאַנצעלאריע פון דעם פּרעלאט (הויפּט גייסטליכער פון דעם קלויסטער) און ביי אים בעטן מחילה וסליחה פאַר זיין חטא. און ווען מען האָט אים ערלויבט ער זאָל זיך צוריק־שטעלן אויף זיינע פוס, זענען זיינע קניהעלעך געווען פאַרבלוטיגט און די הויט

אויפגעריסן און אויסגעריבן, צו דעם אלעמען האָט אים געפייניגט זיין געוויסן וואָס ער האָט צוגעזען ווי מען שמד'ט אָפּ זיינע צוויי קלענערע ברודער'לעך און זיין איינציגע שוועסטער'ל, און ער האָט זיי נישט געקענט העלפן...

ער האָט זיך געפילט שולדיג ביז אין די טיפענישן פון זיין ריינער נשמה, וואָס ער האָט נישט געקענט אויספירן די צוואה פון זיין טאַטן, דאָס האָט אין אים געשאַפן יסורי גיהנם...

יאַנקעלע, מיט דעם געזונטן חוש פון אַ גמרא־קעפל, האָט קלאָר באַנומען דעם גאַנצן מצב אַרום אים, ער האָט געפילט אַז לאַנג וועט ער נישט קענען בלייבן אַן עקשן, און זיך געגען־שטעלן די "אפאסטאלען פון ליבע" אין די שוואַרצע חאַלאַטן מיט די גאָלדענע צלמים אויף די העלזער, און אויב ער וועט נאָך פאַרבלייבן אַ קורצע צייט צווישן זיי וועט קומען דער ביטערער סוף, און מען וועט אים "טובל" זיין צו דער אמונה, און ווערן — חלילה — אַ גוי ווי אַלע גוים...

נאָך פילע און לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, ווען ער האָט פאַרגאָסן ביטערע טרערן און מתפלל געווען צו דעם באַשעפער ער זאָל אים מוחל זיין וואָס ער וועט פאַרלאָזן זיינע יונגערע געשוויסטער, וועלכע דער טאַטע האָט פאַרטרויט אויף זיי השגחה, אין די הענט פון די "פרומע" גלחים און נאנעס, און געבעטן אַז ער זאָל חאָטש אים העלפן אַז ער זאָל זיך קענען ראַטעווען צווישן טויזנט סכנות וואָס האָבן אויף אים געלויערט, פון זייערע הענט...

אין אַ שעהנעם זומערדיגן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרויס־גע'גנב'ט פון דעם גוט־באַוואַכטן קלויסטער, און גוטע מלאכים האָבן אים געהיטן ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ דערבייאיגן וואַלד, וואו עס האָבן אַפּעריִרט פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן רחמנות באַקומען אויף דעם יונגיטשקן יאַנקעלען, און אים גענומען אונטער זייער שוץ, ער האָט זיי געטאָן קלענערע דינסטן,

איבער זיינע שוואַכע כחות, אַזוי אַז זיי האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען, און ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, און זייער טרייסט אין דעם שווערן לעבן. ער האָט נישט פאַרפעלט צו דאַוונען יעדן פרימאָרגן פון אויסנווייניג ווי ער האָט געדענקט אין זכרון, נישט פאַרגעסנדיג אויך מתפלל זיין פאַר זיינע ליבע עלטערן, פון וועלכע ער האָט בכלל נישט געוואוסט צו זיי לעבן נאָך, און אויך פאַר זיינע קלענערע ברודערלעך און זיין יונג שוועסטער׳ל חוה׳לע, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט אין קלויסטער...

נאָך אַ צייט מיט די פאַרטיזאַנער אין וואַלד, ווען זיי האָבן זיך צוריק־געצויגן אויף אַ מער זיכערן אָרט, פון וואו ער האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך ווי נישט צו פאַרבונדן מיט דער אויסערע וועלט, און מיט געפערליכע און פאַרוויקלטע השתדלות׳ן איז אים געלונגען צו קומען אין פאַרבינדונג און געהיימען קאָנטאַקט מיט אונטערערדישע הילפס אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפירט פון אויס־לענדישע געהיים אַגענטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט די פאַרטיזאַנער און זיי געהאָלפן אין זייער שווערן און געפערליכער אַרבעט, און בחסדי ה׳ כי לא תמנו, האָט ער זיך מיט א יאָר שפּעטער געפונען אין אַ באַקאַנטן תורה־מוסד אין ירושלים עיר הקודש...

## ה.
## טרייסט אין דער הייליגער תורה

יאַנקעלע, מיט זיין עילוי׳אישן מוח, האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין נשמה אין לימוד התורה מיט אַן אויסער געוועגליכן התמדה, ווי ער וואָלט מיט לערנען תורה געוואָלט מאַכן פאַרגעסן זיינע שרעקליכע איבערלעבונגען, אין זיין יונג לעבן. פון צייט צו צייט האָבן זיך אין זיין זכרון דערוועקט די טרויעריגע בלוטיגע זכרונות פון זיין נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט, און ביטערע פראַגן האָבן געעגבערט זיין מוח, ווער ווייסט צו טאַטע מאַמע לעבן נאָך? צו איז ער שוין נישט אַ קיילעבדיגער

יתום צו זיינע צוועלף יאָר? און וואָס טוען זיינע ברודערלעך חיים דוד׳ל, אהר׳לע, און די קליינטשיקע חוה׳לע וועלכע ער האָט פאַרלאָזט צו זייער ביטערן גורל אין דעם קלויסטער וואו דער טאַטע האָט זיי געוואָלט ראַטעווען? לעבן זיי נאָך? און צו וועט ער זיי נאָך זוכה זיין צו זען?

טראַכטנדיג אויף זיי האָט ער פאַרגאַסן ביטערע און הייסע טרערן. געוויינט אין דער שטיל וואו קיינער האָט אים נישט געזען, אָבער אַזוי באַלד ווי ער האָט געעפנט די גמרא און זיך פאַרטיפט אין אַ פלוגתא פון אביי ורבא, מוטשענדיג זיך אין אַ פשט פון דעם ראש הישיבה, וואָס ער האָט נעכטן געפרעגט ביי דעם שיעור, האָט ער פאַרגעסן פון אַלע זיינע צרות, און קוויי־לענישן, איינשפאַנענדיג אַלע זיינע מחשבות און חושים אין דעם ענין. ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט מיט אַן אויסער געוועגליכן התמדה, אַזוי אַז אין עטליכע געציילטע יאָרן איז ער אויסגעוואַקסן אַ גאון בתורה, ממש אַ תורה ריז, מיט אַ גרויסן נאָמען אין עולם הישיבות והכוללים אין הייליגן לאַנד, ער איז שוין געשטאַנען אין שידוכים, גרויסע רבנים און באַרימטע ראשי ישיבה האָבן זיך געריסן איבער אים, זיי האָבן אין אים געזען דעם צוקונפטיגן גדול הדור, און דעם גרויסן מרביץ תורה בישראל...

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט שפרה׳לען די גראָטענע טאָכטער פון זיין געוועזענם ראש ישיבה, וועמען ער האָט פיל מאָל פאַרטראָטן ביי די שיעורים.

פאַר דער חופה — ביי וועלכע עס האָבן זיך באַטייליגט די גדולי ירושלים — האָט ער ביטער געוויינט אויף זיין עלענדקייט, און אַז זיינע טייערע עלטערן, וועלכע ער איז געווען זיכער אַז זיי זענען אומגעקומען אויף קידיש השם, האָבן נישט דערלעבט דעם נחת אים צו פירן צו דער חופה... ער האָט אויך דערמאָנט זיינע קלענערע געשוויסטער, פון וועלכע ער האָט זיך דערוויסט נאָך דער מלחמה דורך אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן אַז זיי זענען

פון די דייטשע מערדערס אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם קלויסטער, און זייער גורל איז "נישט באַקאַנט", דעם זעלבן ענטפער האָט ער אויך באַקומען איבער זיינע עלטערן. ער האָט אָנגענומען דעם ביטערן גזר דין באהבה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ איד אַ מאמין בה' ובהשגחתו, ער האָט אויפגעהערט זיך צו פרעגן נאָך זיי, און געמאַכט די ברכה פון ברוך דיין האמת...

ער איז געגאַנגען צו דער חופה אַליין — בשעה טובה ומוצלחת.

## ו.

## האָפענונגען...

...ערב שבועות תש"ה (945')... די פעלדער און וועלדער אויסגעפוצט אין גרינעם, יום טוב'דיג, די ביימער אויסגעבליהטע אין טויזנט אויגנפאַרכאַפנדיגע פאַרבן, ווי מען וואָלט זיי אויסגעפוצט און באַצירט מקבל פנים צו זיין דעם גרויסן יום־טוב, זמן מתן תורתינו, די גאַנצע נאַטור פון אַרום האָט אויסגעקוקט יום־טוב'דיג, בלויז אין איינציגע געציילטע שטובלעך אין בעזניץ האָט געהערשט טיפע אבילות, איינצעלנע אודים מוצלים מאש, וועלכע האָבן זיך בניסי ניסים אומגעקערט פון דער וועלט שריפה, און פון די טיפעניש פון דעם גיהנם, זוכנדיג מיט האָפענונג קרובים און פריינד וועלכע האָבן אפשר אויך איבער־געלעבט ווי זיי דעם שרעקליכן חורבן.

צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אונזער מיכל און טויבע גאָלד ביי זיי אַלעמען איז דער שיינער יום־טוב שבועות בכלל נישט געווען שיין. מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט ער זיך דערוואוסט פון דעם דערבייאיגן קלויסטער, וואו ער האט אַוועק־געגעבן זיינע קינדער, פאַר דער דעפּאָרטאַציע קיין טערעזיענ־שטאדט מיט אַרום פיר יאָר צוריק, אַז זיינע קינדער זענען אַוועק גענומען געוואָרן דורך די דייטשע מערדער ימח שמם וזכרם,

## די וואונדערליכע השגחה

וועלכע האָבן זיך געטשאטעוועט נאָך באַהאַלטענע אידישע קינדער, ביז זיי זענען געקומען דורך זייערע געהיים אַגענטן אויף זייערע שפורן אין זייערע באַהעלטענישן, און מען האָט זיי אכזריות׳דיג פאַרשלעפּט צום טויט, גלייכצייטיג האָט ער זיך אויך דערוויסט פון די כומרים וועגן דער פליטה פון יאַנקעלע און זיין אַנטלויפן פון קלויסטער. פון די ארומיגע פּויערים האָט ער זיך צופעליג דערוואוסט וועגן אַ אידיש בחור׳ל, וועלכער האָט זיך געפונען אין וואַלד מיט די פּאַרטיזאַנער, און לויט אַלע סימנים וואָס זיי האָבן אים געגעבן וועגן דעם אינגל, האָט ער פאַר־שטאַנען אַז דאָס איז געווען זיין יאַנקעלע. הייסט עס — האָט ער געטראַכט — אַז עס איז גאַנץ מעגליך אַז זיין יאַנקעלע האָט זיך געראַטעוועט דורך דער הילף פון די פּאַרטיזאַנער ער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו ערקונדיגן ביי דעם רויטן קרייץ און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע אידישע הילפס אָרגאַניזאַציעס, אָבער קיין קלאָרן ענטפער האָט ער נישט באַקומען. אָבער ווי זאָגט די וועלט? ״אַ טאַטע׳ס און מאַמע׳ס האַרץ קען מען נישט נאַרן...״ מיכל און טויבע האָבן געפילט טיף אין האַרצן אַז יאַנקעלע לעבט, און וועט זיך נאָך, מיט השם יתברך׳ס הילף אָפּזוכן, און מען וועט נאָך זען ביי אים פיל נחת... זיי האָבן אָבער געוואוסט אַז אויב זיי וועלן פאַרלאָזן זייער וואוין אָרט בעזניץ, זענען זייערע האָפענונגען פאַרלוירן, ער וועט נישט וויסן וואו זיי צו זוכן, דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין בעזניץ, ביז...

ביני לביני האָט פישעלע באַקומען ביי דער נייער טשעכישער רויטער ממשלה דעם אַמט אין דער ניי געשאַפענער קאָפּעראַטיוו, און באַגראָבן זיין כליון עינים אין זיין שווער און פאַראַנטוואָרט־ליכער אַרבעט, דינענדיג מיט זיין שווערער האָרוואַניע די קאָמו־ניסטישע עבודה זרה, וועלכע ער האָט געהאַסט ביז גאָר, און קיינער האָט נישט געוואוסט זיין טיפן סוד וואָס האַלט אים און טויבע׳ן אין בעזניץ, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעליידיגט פון אירע אידישע תושבים און עמיגרירט מעבר לים, אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, אַזוי אַז אין גאַנץ מדינת מעהרן זענען מער נישט פאַר־

בליבן קיינע אידן, אַחוץ אייניגע פאַרברענטע קאָמוניסטן, אַסימי־לאַנטן מיט גוי'אישע ווייבער, און דאָ זיצט אַן אידיש פּאָרפּאָלק מיט ג־ט אין האַרצן אין אַ ריינע גוי'אישע סביבה, און וואַרט...

די שבתים וימים טובים האָט טויבע געגוי אַזוי אָפּגעהיטן מיט אַלע הידורים ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטן, געצונדן שבת ליכט, געגרייט שבת טישן מיט כשר'ע מאכלים של שבת ויום טוב (פלייש און אַנדערע כשר'ע פּראָדוקטן האָט מען זיי צוגעשיקט פון פּראָג, וואו עס האָט זיך נאָך געהאַלטן אַ קליינער קיבוץ פון פרומע אידן), נישט מער, וואָס מיכל האָט געמוזט אַריין גיין אין זיין קאָנצעלאריע אויך אין שבת ויום טוב. ער האָט זיך אָבער אויסגעהיטן ווי ווייט מעגליך פון חילול שבת, בלויז אין די ימים נוראים, ראש השנה, יום כפור און סוכות האָט ער ארויסגענומען זיין יערליכע וואַקאַציע און אַריין־געפאָרן מיט טויבע'ן קיין פּראָג, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט צווישן פרומע אידן, שומרי תורה ומצוות, איבער אַלע ימים טובים, וואו זיי האָבן נישט איינמאָל אַריינגעכאַפּט פאַרציעס מיט מוסר פאַר זייער זיצן צווישן גויים, בעת אַלע אידן האָבן פאַרלאָזט דעם פּראָווינץ, און עמיגרירט אָבער זיך באַזעצט צווישן אייגענע. דעם סוד — פאַרשטייט זיך — פון זייער זיצן אין בעזניץ האָט קיינער נישט געוואוסט...

אָבער, מיט יעדן יאָר וואָס איז אַריבער, איז זייער האָפענונג, אַז זייער יאַנקעלע וועט זיך נאָך אָפּזוכן, אַלס שוואַכער געוואָרן, און טויבע איז מיט יעדן פאַרלאָפענעם יאָר אַלס ווייניגער געווען באַגייסטערט פון איר איינגעפירטן מנהג, אַז בעת זי האָט געדעקט דעם שבת טיש, האָט זי געגרייט דעם טיש פאַר אַלע אירע פיר קינדער, ווי זי וואָלט זיי געוואַרט אַז זיי זאָלן פאַרנעמען זייער אָרט ביי איר טיש צו איר געגרייטער סעודת שבת, ווי זי האָט דאָס געטאָן פאַר דעם חורבן, ווען וועלט איז נאָך געווען וועלט...

אין די ערשטע צייטן האָט זי דאָס געטאָן מיט גרויס באַגייס־טערונג, זיך געטרייסט — ווי מען זאָגט — מיט חלשות, געהאָפט

אויף דעם אוממעגליכן, טאָמער דאָך...

מיכל האָט זיך צו דעם צוגעקוקט מיט גרויס האַרץ ווייטאָג און געטראַכט ביי זיך, אַז זי טוט דאָס צו לינדערן אירע אינערליכע יסורים, און בענקעניש נאָך אירע קינדער, "ווער קען פאַרשטיין די האַרץ מיסטעריעס פון אַ צעוויייטיגטע מאַמע..." אָבער מיט דעם לויף פון די יאָרן האָט טויבע אויך פאַרלוירן צוביסלעך אירע האָפענונגען, און איר גלויבן אין דער גאַנצער מעשה. זיי האָבן שוין געטראַכט ערנסט צו מאַכן אַ סוף צו זייער גלות, און זייערע הוילע האָפענונגען. זיי האָבן שוין אויסגעפלאַנט זייער עמיגראַציע למעבר לים, כדי זיי זאָלן זיך אויסלעבן דאָס רעשט פון זייערע יאָרן צווישן אידן, און נישט וועלנדיג פאַרלירן קיין צייט האָבן זיי באַלד אָנגעגעבן ביי דעם "האיאַס" אין פראָג פאַר עמיגראַציע פאַפירן...

ז.

## אין דעם הייליגער שטאָט ירושלים

אין ירושלים עיר הקדש איז דערווייל אויפגעגאַנגען אַ גרויסער שטערן פון תורה, זיין נאָמען איז געווען הגאון ר׳ מיכל גאָלד ראש הישיבה פון דער וועלט באַרימטער ישיבה .......... זיין נאָמען אַלס ענק התורה האָט זיך געטראָגן איבער דעם גאַנצן לאַנד, ווי אויך אין חוץ לארץ, זיין רבי׳צין שפרה׳לע האָט אים געבוירן פיר טייערע קינדערלעך, שיינע און קלוגע, געראָטענע אין טאַטע־מאַמע. זיין אָנזעהן איז געשטיגן ביי אַלע קרייזן פון דעם ישוב, ווייל אַחוץ פון זיין גדלות בתורה, איז ער אויך געווען באַשיינט מיט גרויס חכמה, מען האָט אים באַטיטל׳ט מיט דעם באַקאַנטן טיטול פון ר׳ יהושע בן חנניא "חכימא דיהודאי" און הונדערטער אידן האָבן תמיד באַלאַגערט זיין הויז, ווער מיט אַ שאלה, און ווער מיט אַ שאילת עצה אין זיינע טאָג טעגליכע פראָבלעמען.

צווישן זיינע פאַרערערס האָט זיך אויך געפונען א הויכער רעגירונגס באַאַמטער, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ בעל-הבית'שער משפחה פון דעם אַמאָליגן פולין, און געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר תורה, בפרט פאַר אירע גדולים, וועלכער האָט אים אָפט באַזוכט מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען במילי דעלמא, אין שייכות מיט זיין הויכן אַמט. בעת איינע פון זיינע אָפטע וויזיטן ביי דעם ראש ישיבה, האָט ער אים איבערגעגעבן די נייעס וואָס קומען פון זיין היימלאַנד טשעכאָסלאַוואַקיע, און פון די שווערע פאַרפאָלגונגען פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים (דאָס איז געווען אין דער פינסטערער סטאַלין-בעריא תקופה) געגן אומשולדיגע מענטשן וועמען זיי פאַרדעכטיגן אין בגידה (צווישן זיי אַ באַקאַנטער קאָמוניסט אַ איד) און מען רוימט זיי אָפּ פון וועג על פי נוסח מאָסקווע...

דער ראש ישיבה האָט געוואָלט הערן זיין עצה, אויב ער זאָל מאַכן אַ נסיעה קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. וואָס ער האָט שוין לאַנג אויסגעפלאַנט, כדי צו באַזוכן די קברים פון זיינע קרובים. זיידעס און עלטער זיידעס, וועלכע האָבן זייער רוה אויף די דאָרטיגע בתי-עלמין'ס. האָט ער אים גע'עצה'ט דאָס צו מאַכן שטאַרק פאָרזיכטיג, און כדי ער זאָל נישט אַרויס-רופן אַ פוסטן פאַרדאַכט ביי די דאָרטיגע מושלים עריצים האָט ער אים געראָטן ער זאָל מיט נעמען מיט זיך זיין רבי'צין און די קינדער, זיי זאָלן זען אַז עס איז אַ פאַמיליע באַזוך. ער האָט אים אויך צוגעזאָגט אַז ער וועט לאָזן וויסן די דאָרטיגע דיפלאָמאַטישע פאַרטרעטערס מען זאָל אים העלפן אין זיין נסיעה, ער האָט אים אויך געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך אויסהיטן פון די נאָכשפּירערס פון דעם רעזשים, וואָס טשאַטעווען נאָך אַיעדן אויסלענדער מיט פאַרדע-כטיגע אויגן...

## ח.
## דער שבת טיש

ר׳ מיכל גאָלד איז אַרויסגעפאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקעי באַלד נאָך ראש חדש אלול — די צייט ווען אידן זענען זיך נוהג צו גיין אויף קברי אבות — מיטנעמענדיג מיט זיך זיין גאַנצע בני־בית, זיין רבי׳צין און די פיר קינדער. ער האָט געפּלאַנט דאָרט צו פאַר־ברענגען פון אַכט ביז צען טעג, אַזוי אַז צו סליחות זאָלן זיי שוין זיין צוריק אין ירושלים.

אין פראָג האָט ער זיך דערוויסט... מה גדלו מעשיך ה׳ — האָט ער אויסגעשריגן, און געפאַלן אין חלשות. מילא, וואָס ער האָט איבערגעלעבט הערנדיג די בשורה, אז זיינע טייערע עלטערן לעבן נאָך, ווייס נאָר בוחן כליות אַליין, עס איז אים פשוט אומעגליך געווען צו קומען צו זיך פון דער מורא׳דיגער נשמה אויפטרייסלניש וואָס די בשורה האָט אים געמאַכט, ס׳האָט זיך אים אויסגעזען ווי א וואונדערליכער חלום, ער האָט נישט געזען און נישט געהערט, זיינע מחשבות זיינען געווען פּאַראַליזירט. ווען ער איז סוף כל סוף שוין געקומען צו זיך, האָט מען אים געזאָגט אַז מען קען נישט רופן אַהין טעלעפאָניש, און אפילו אַ טעלע־גראַמע וועט נעמען עטליכע טעג, ביז זי וועט אַדורך גיין די שטרענגע צענזור, אַזוי אַז באין ברירה האָט ער זיך באַלד געקליבן אין וועג, אָן דעם אַז ער זאָל זיינע עלטערן פאַרש־טענדיגן פון זיין קומען, און זיין עקזיסטענץ. — ער האָט געמוזט פאָרן מיט דעם איינציגן קאָמוניקאַציע מיטל פון דעם קאָמור־ניסטישן "גן־עדן" אין טשעכאָסלאָוואַקיע, די וויצינאַל־באַן, וועלכע האָט זיך בכלל נישט געאיילט, געפאָרן לאַנגזאַם, ער האָט אויך געדאַרפט טוישן באַנען צוויי מאָל, אַזוי אַז ער האָט זיך קוים דערשלעפּט ביז צו זיין היים שטאָט בעזניץ, וואו זיי זענען אָנגעקומען אין אַ פרייטיג, ערב שבת קדש, אין די פרימאָרגן שעה׳ן.

טויבע איז גראַדע געווען באַשעפטיגט מיט די הכנות צו דעם

שבת קדש, לויט איר איינגעפירטן מנהג מאז ומקדם, צוגרייטן דעם טיש לכבוד שבת פאַר אַלע אירע קינדער, הגם שוין מיט וויניגער התלהבות ווי אין פאַרגאַנגענע יאָרן, מיט אויסגע־לאָשענע האָפענונגען אין איר נשמה... זי האָט מער נישט געגלייבט אַז דער טיש וועט ווידעראַמאָל זיין באַזעצט... און אַז זייערע קולות וועלן זיך נאָך הערן אין איר הויז...

אָבער... פלוצלים...

וואָס האָט פּאַסירט? מען הערט יללות, האַרצרייסענדע קולות, פאַרהילכענדיג די גאַנצע גאַס וואו דאָס הויז פון די גאָלד־בלאַטט'ס האָט זיך געפונען, געוואַלד...

מאאאמע... טאאאטע... געוואאלד... וואַסער... יאַנקעלע... אוי רבונו של עולם... טאַטע פון הימל... וואאאאסער... די קולות האָבן זיך געטראָגן עד לב השמים, שפרה'לע די רבי'צין האָט געהאַלטן ביים חלש'ן, די קינדערלעך — נישט קענענדיג באַגרייפן וואָס עס טוט זיך אַרום זיי האָבן זיך שטיפעריש און שפילנדיג צוגעכאפּט צו דעם געדעקטן טיש, און דאָרט פאַרנומען זייערע פלעצער...

## ט.

## טוב להודות לה' ולזמר.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען יענער שבת קדש אין בעזניץ, וועלן מיר אפילו נישט פאַרזוכן צו באַשרייבן, מיר פילן אַז דאָס וואָלט געוועזן איבער די מענטשליכע כחות, מיר גלויבן אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דאָס לעכטיגע פּנים פון דער שבת המלכה האָט געשיינט פון גליק־זעליגקייט מיט דער זיו השכינה, מיט אַ זעלטערנער שוינקייט, וואָס לאָזט זיך נישט שילדערן...

...דער שבת טיש איז ווידעראַמאָל געוועזן באַזעצט...

## צוויי אמת'ע מעשיות פון אלשי"ך הקדוש זי"ע

דער הייליגער אלשיך זי"ע איז אין די יוגענד יארן געוועןא פשוט'ער סוחר אין די שטאט צפת אין ארץ ישראל. ער איז געוועןאן עושר, א תלמיד חכם און זייער אן עהרליכער יוד, אבער ער איז נאך דעמאלס נישט געוועןקיין בעל דרשן.

איינמאל מוצאי שבת קודש איז ער פארביי געגאנגען א הויז און ער הערט ארויס געמישטע קולות, גייט ער צו נענטער און זעהט ווי א איד זיצט ביים ליידיגן טיש און זינגט מיט גרויס התלהבות **אליהו הנביא אליהו הנביא** — און דאס ווייב שטייט ביי די זייט פון טיש זייער פארביטערט און זאגט איהם, אין די שטוב איז נישטא קיין שטיקל ברויט צום עסען, דאס דלות שרייט ארויס פון אלע ווינקלען, און דו זינגסט דיר אזוי געמיטליך אלי' הנביא פארוואס קומט ער נישט צו אונז אביסעל ארויסצוהעלפן אין די שווערע צייט.

ווי דער ר' משה אלשיך האט דאס דערהערט האט ער שטארק רחמנות באקומען אויף דעם ערליכן חשוב'ן איד וואס איז אין אזא גרויסן נויט און ער איז שנעל אהיים געלאפן, געכאפט א זעקל מיט גאלדענע רענדלעך און איז דערמיט צוריק געלאפן צו יענעם הויז, ער מאכט אויף שטילערהייט דאס פענסטער אוןווארפט אריין דאס בינטעל געלט און גייט זיך ווייטער זיין וועג.

ווען דער איד איז פארטיג געווארן מיטן זינגען זעהט ער מיטאמאל ווי עפעס ליגט אויף דער ערד נעבן פענסטער. רופט ער שנעל צו זיין ווייב און זאגט איהר "קום לאמיר זעהן וואס דארט ליגט".

זיי גייען צו און מאכן אויף דאס בינטל, צו זייער גרויס ערשטוינונג זעהען זיי אז עס איז פול מיט גאלדענע רענדלעך.

רופט ער זיך אן צו איר "זעסטו אז מען דארף צו זינגען און זיין אלעמאל פרייליך אפילו מען האט גארנישט ווייל דער באשעפער קען העלפן אין איין מינוט, מען טאר זיך נאר נישט פארלירן".

"טאקע אין זכות פון מלוה מלכה און די זמירות וואס איך האב געזינגען מיט גרויס שמחה און בטחון אין השי"ת, האט מיר השי"ת געשיקט זיין געטרייען שליח און אונטער געווארפן דאס זעקן מיט געלט".

אין די שטוב איז געווארן ליכטיג און לעבעדיג. מען האט געהאט וואס צו געבן צו עסן און קליידן די אויסגעהונגערטע און אפגעריסענע קינדער, פארשטייט זיך אז די פרוי איז אינגאנצן אנדערש געווארן זי האט זיך פארגענומען אז זי וועט שוין פון היינט אן נישט גרינגשעצן די סעודת מלוה מלכה מיט די זמירות, און איבערהויפט די זמירות פון אליהו הנביא.

זי האט אינגאנצן חרטה געהאט פארוואס זי האט פריער אראפגעקוקט דעם מאן, אט האט זי געזעהן ווי שנעל דער אייבערשטער העלפט אים און ווי חשוב זיין בטחון און ערליכ-קייט איז ביי השי"ת.

אין הימעל איז געווארן א גרויס רעש פון די מעשה, א איד טוט אזא גרויסע זאך און טאקע לשם שמים, ער איז מחי' א גאנצע משפחה וואס אפילו "המקיים נפש אחת מישראל" ווען ער דערהאלט נאר איין מענטש זאגט די גמרא איז "כאילו קיים עולם מלא", ווי ער וואלט אויפגעהאלטן א גאנצע וועלט, ווער רעדט נאך פון מחי' זיין א פאר נפשות א גאנצע שטוב, דאס איז דאך ווי ער וואלט אויפגעהאלטן גאנצע וועלטן און נאך דערצו האט דאס ר' משה געטאן באהאלטענערהייט. קיינער ווייסט נישט דערפון, אפילו דער נעמער ווייסט אויך נישט פון ווי ער האט באקומען דאס געלט, און ער דארף זיך גארנישט שעמען פאר קיינעם, דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

האט מען באשטימט פון הימעל צו געבן א מתנה פאר ר'

משה'ן. אזוי ווי עס איז דא זיבעציג ערליי וועגן וואס מען קען דרשנ'ען די הייליגע תורה, וועט מען איבערגעבן פאר ר' משה אלשיך איין וועג וויאזוי צו דרשנ'ען די הייליגע תורה, אבער מיט איין תנאי אז ער וועט נאך ביישטיין א נסיון וואס מען וועט אים פרובען פון הימעל, צו איז ער טאקע ווערט צו באקומען אזא גרויסע מתנה.

* * *

באלד איז געקומען צו לויפן דער בעל דבר דער שטן, און טראגט זיך אן אויסצופירן די ארבעט, צו גיין אויספרובירן דעם צדיק ר' משה אלשיך, ער וועט שוין וויסן ווי אזוי צו מאכן דעם נסיון עס זאל אים זיין שווער בייצושטיין.

ווי אלי' הנביא האט דאס דערהערט איז ער שנעל געקומען צו גיין און זאגט פארן בית דין של מעלה, דא ביי דער מעשה האט קיינער נישט קיין רעכט זיך אריין צו מישען, ר' משה האט זיך דאך אנגענומען פאר מיר איך וועל אים גיין אויספרובירן.

דאס בית דין של מעלה האט מסכים געווען, און מען האט אראפגעשיקט אלי' הנביא ז"ל אויף דער וועלט אויסצופרובירען ר' משה אלשיך.

אין א שיינעם טאג רוקט זיך אין צפת אן אורח אפגעריסן אפגעשליסן, נו ווי גייט אן אורח צום ערשט, אין בית המדרש אריין.

עס ווערט פארנאכטס מען קומט זיך צוזאם צום דאווענען, נאכן דאווענען באמערקט ר' משה אלשיך א פרעמדן איד, גייט ער צו צו אים, ער גיט אים א ברייטן שלום עליכם און פרעגט אים צי ער האט ווי צו עסן.

דער איד ענטפערט אים אז ניין. ער איז טאקע זייער הונגעריג און ער זוכט ווי צו עסן.

ר' משה האט זיך דערפרייט ער קען יעצט מקיים זיין די מצוה

פון הכנסת אורחים, און ער רופט אים צו זיך אהיים צום נאכטמאל.

מען וואשט זיך צו דער סעודה, מען האט קוים געמאכט א המוציא און דער אורח רוימט אראפ אלעס פון טיש, ער איז געווען אזוי הונגעריג, אז וואס מען האט נאר אריינגעברענגט האט ער אלעס גלייך אויפגעגעסן און ער האט געבעטן נאך ווייל ער איז זייער הונגעריג.

מען האט שוין אריינגעברענגט אלע מעדנים און אלע פיינע מאכלים דער אורח האט אלעס שנעל אויפגעגעסן, און ער בעט שוין נאך —

ר' משה איז נישט געווארן אין כעס, נאר ער איז שנעל געלאפן צו אלע שכנים צוזאמבארגן אביסל עסן כדי מחי' צו זיין דעם אורח, דעם אפגעריסענעם ארימאן.

אבער גלייך ווי מען האט דאס אראפגעלייגט אויפן טיש האט דער אורח אלעס פארברענט — און ווייטער געשריגן אז ער איז נאך הונגעריג.

ר' משה איז ארויסגעגאנגען שחט'ן א בהמה עס זאל שוין זיין גענוג. דער איד זאל קעוי'ן זאט ווערן. מען האט גע'שחט'ן א בהמה מען האט דאס בודק געווען און עס איז געווען טרפה.

האט מען גע'שחט'ן נאך א בהמה איז עס אויך געווען טרפה, און אזוי האט מען גע'שחט'ן צוועלף בהמות אין אלעס איז געווען טרפה. ר' משה האט אבער נישט גקוקט אויף קיין שום שאדען, אים האט נאר געארט פארוואס דער איד זאל בלייבן הונגעריג. ביז ענדליך מען האט גע'שחט'ן די דרייצענטע בהמה און עס איז ארויסגעקומען כשר.

די שמחה פון ר' משה איז געווען זייער גרויס, אבער דעמאלס האט זיך דער גאסט גלייך ענטפלעקט פאר ר' משה'ן און האט אים אויסגעזאגט אז ער איז נישט קיין מענטש, נאר אלי' הנביא

זכור לטוב, און ער איז אים געקומען אנזאגן די בשורה אז מען האט באשלאסן אין הימל צו געבן פאר אים א מתנה, ער זאל קענען דרש׳נען די הייליגע תורה אויף איינעם פון די זיבעציג ערליי וועגן וואס די תורה ווערט גע׳דרש׳נט.

און אלי׳ הנביא איז פארשווינדן געווארן.

ווי ר׳ משה אלשיך איז אויפגעשטאנען צופרי האט ער געפילט א גרויסע ענדערונג, און וואס ער קוקט אריין וואס ער לערנט פארשטייט ער זייער טיעף און שיין, האט ער זיך זייער געפריידט און ער האט אפגעגעבן א דאנק פארן באשעפער פארן גרויסן חסד וואס ער האט אים געעפענט די אויגן צו פארשטיין אזוי טיף די ווערטער פון די הייליגע תורה. ר׳ משה אלשיך האט אבער פאר קיינעם גארנישט דערציילט ווייל עראיז געווען אן אמת־דיגער ערליכער איד, אן עניו.

* * *

אין די זעלבע צייט איז געווען רב אין די שטאדט דער גאון און צדיק ר׳ יוסף קארו וואס האט מחבר געווען דעם בית יוסף און דער שלחן ערוך.

ווי באוואוסט האט דער הייליגער בית יוסף געהאט א מגיד, א מלאך פון הימל, וואס פלעגט קומען צו אים איעדן טאג, און האט מיט אים געלערנט און מגלה געווען סודות התורה און אויך פארשידענע אנדערע ענינים, אויך פלעג ער אים זאגן מוסר איעדן טאג לויט זיין הייליגע מדרגה.

דער מגיד האט מגלה געווען פארן בית יוסף די גאנצע זאך וואס דער סוחר ר׳ משה אלשיך האט געטאן און וואס פאר א מתנה מען האט אים באשטימט פון הימל דערפאר.

עס איז געקומען שבת, דער בית יוסף איז אריין געקומען אין בית המדרש האט ער גערופן ר׳ משה׳ן און ער האט אים געזעצט אויבן אן. ר׳ משה האט נישט געהאט קיין ברירה ער האט

געמוזט פאלגן דעם רב.

שבת נאכמיטאג איז געווען דער מנהג אז מען פלעגט זיך צוזאם קומען און דער רב פלעגט זאגן א דרשה. דעם שבת וועט דער גאנצער עולם איז שוין געווען אין בית המדרש און מען האט שוין געווארט אויפן רב ער זאל שוין אנהייבן זאגן — מיטאמאל גיט דער רב א ווינק פאר ר' משה אלשיך ער זאל צוגיין און דרש'נען.

ר' משה האט זיך געשעמט, ער האט נאך קיינמאל פריער נישט גע'דרש'נט און דער עולם האט זיך אויך געוואונדערט, ביז דער רב, דער בית יוסף האט אים שטילערהייט געזאגט אז ער ווייסט אלעס, ער זאל זיך גארנישט שעמען ווייל אזוי וויל מען פון הימל.

ר' משה אלשיך איז ארויף אויף דער בימה, און האט אנגעהויבן צו דרש'נען דברי מוסר און אזעלכע וואונדערליכע פשטים און דרשות אויף דער תורה וואס מען האט נאך קיינמאל פריער נישט געהערט.

פון דעמאלס אן האט שוין דער אלשיך יעדן שבת נאכמיטאג גע'דרש'נט, און עס איז אזוי פארבליבן, דער הייליגער בית יוסף איז געווען דער רב, דער אר"י הקדוש וואס איז אוים געווען אין יענער צייט איז געווען דער רבי, דער אלשיך הקדוש איז געווען דער מגיד, און דער הייליגער חרדים איז געווען דער שמש, זכותם יגן עלינו ועכי"א.

* * *

# ר׳ ליב שרה׳ס טאפעלטער פדיון שבויים

וואונדערלעך און אויסטערליש זיינען געווען די וועגן פון דעם הייליקען צדיק ר׳ ליב שרה׳ס זצ״ל, וואונדערליך זיינען געווען זיינע דרכים און פארהוילען זיינע מעשים.

ר׳ ליב שרה׳ס פלעגט פלוצים ערשיינען אין א אידיש שטעטעל דורכפירען זיין צוועק וועלכען ער איז געקומען און אזוי פלוצים נעלם ווערען.

די פארהוילענע און מיסטעריעזע נסיעות פו ר׳ ליב שרה׳ס זיינען נאר געווען אנטפלעקט צו איינעם אדער צוויי אידען, צו די פאר וועלכע די נסיעות זיינען געמאכט געווארן. און אפילו ווען דער צוועק פון ר׳ ליב שרה׳ס קומען אין א שטעטעל אריין איז געווען אן אפענער, ווי למשל ווען ער פלעגט ארומפארען זאמלען געלט פאר פדיון שבויים, — אויסצולייזען קרעטשמעראס וועלכע פלעגען נישט קענען באצאָלען זייערע ראַטעס און זיינען דערפאר ארייגעווארפען געווארען דורך די פריצים אין תפיסה, — אפילו דעמאלט ווען עס האט זיך געקענט אויסדאכטען אז אלץ איז אפען אהן סודות, אויך דעמאלט פלעגט אפט טרעפען אז דער הייליקער צדיק האט פארבונדען זיין אפענע מיסיע מיט א בעהאלטענעם צוועק, און נישט נאר פלעגט ער ראטעווען די פארשמאכטע קרעטשמער נאר אויך פארבלנדזשעטע אידן און העלפען אידן צעבראכענע און מיאוש׳דיגע. ער פלעגט דאס טוען ווען ער האט אט די אידן געמאכט פאר שותפים אין זיינע מעשים, ווען ער האט זיי געמאכט שלוחים דורכצפירען זיינע טהאטען. און ווען ר׳ ליב שרה׳ס האט וועמען געמאכט פאר זיי שליח, האט אויך דער פשוט׳ער שליח באקומען דעם כח פון דעם משלח און ער איז דערהויבן און געשטארקט געווארן דורך דעם געהאלפען דורכפירען די הייליקע שליחות פון ר׳ ליב שרה׳ס.

ווערט דערציילט, צוויי אינטערעסאנטע טיפן האבן געוואוינט

אין א אידיש שטעטעל. איינער איז געווען אן אפגעפרעמדטער אסימעלירטער איד, א איד וואס האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די אנדערע אידן פון שטעטעל. אט דער איד וועמען מיר וועלען אנרופען מיטן נאמען איגנאץ, האט געלעבט צווישען גוים, געהאנדעלט מיט די שליאכצע, אנטייל גענומען אין די הוליאנקעס און שמחות פון די ארומיגע פריצים, געפאָרן מיט זיי אויף יאגד און זיך געקליידט ווי זיי.

דער צווייטער טיפ איז געווען פנחס׳ל בעקער.

פנחס׳ל איז לעולם שוין לאנג נישט געווען קיין בעקער, אבער גערופן האט מען אים נאך אלס פנחס׳ל בעקער ווייל מיט יארען צוריק איז פנחס׳ל געווען דער איינציגער בעקער אין שטעטעל און געהאט פרנסה בכבוד פון זיין פאך. פנחס׳לס געבעקסען האבען געהאט אלע טעמים. און כאטש אידישע באלעבאסטעס האבען אליין געווענליך געבאקען זייערע ברויטן און חלות, און די גבירים האבן זיך געקענט פארגינען אייגענע פרישע זעמעלעך און בילקעלעך יעדען וואכען טאג, פונדעסטוועגען האט פנחסל׳ן נישט געמאנגעלט קיין קונים און ער האט געהאט פרנסה בכבוד.

פנחס׳ל האט אין זיין בעקעריי געהאט א העלפער וועלכער האט זיך גוט אויסגעלערענט די מלאכה און ווען אט דער העלפער האט חתונה געהאט האט ער זיך געעפענט אן אייגענע בעקעריי און קאנקורירט מיט זיין פריערדיגען בעל הבית. אבער נישקשה, פינחס׳ל האט זיך נישט געזשאלעוועט. עטליכע קונים זיינען טאקע אוועק אבער פרנסה איז אלץ געווען, און מען האט נאך אלץ געקענט אוועקלייגען עטליכע קאפיקעס פאר א רעגענדיגען טאג אויך.

אט די צרה פון קאנקורענט וואלט פינחס׳ל לייכט געקענט אראפשלונגען און ער וואלט זיכער אויסגעלעבט זיינע יארען אלס בעקער.

האט זיך אבער אויף אים אנגערוקט אנאנדער צרה, וואס ווען נישט ר׳ ליב שרה׳ס וואלט פינחס׳ל מער נישט גענומען קיין

לאַפּעטע אין זיין האנט.

די צרה איז געווען טאקע אונדזערער אסעמילירטער אפגעפרעמטער איד, פאן איגנאץ. פאן איגנאץ האט זיך טאקע אינגאנצען אפגעזונדערט פון אידן און אידישקייט, אבער א אידיש מאכל און א אידיש שטיקעל געבעקס האט ער נאך אלס ליעב געהאט. ער איז געווען פינחסל׳ס בעסטער קונה. יעדען טאג פלעגט אבער אליין צוקומען אין זיין רייכע קאלעס צו פינחסל׳ס בעקעריי, און מיט די ברייטקייט פון א גוי׳אישען פריץ אויסשרייען העי פינחס דערלאנג א טוצען בילקעלעך אויסגעבאקענע און מיט מאָן, און גאנץ אפט פלעגט ער אויך מיטברענגען די גוי׳אישע פריצים און אויך זיי האט ער מכבד געווען מיט די אידישע געשמאקע זעמעלעך אין שטאנגלען פון חלות.

טרעפט אבער איינמאל ווען איגנאץ איז צוגעקומען נאך זיין געוועגליכן טעגליכן איינקויף און נאך מיטגעברענגט עטליכע גוי׳אישע פריצים און געגעבען פינחס׳ן צו לייזען פאר עטליכע טוצען געבעקס, אז איגנאץ איז באלד דערנאך צוריק געקומען צו פינחסל׳ן אין בעגלייטונג פון צוויי פאליציסטען וועלכע זיינען אן צערמאניעס אריין אין די בעקעריי, אנגעהויבן זוכן און נישטערן צווישן די כלים די דזשיזשעס און קנעט־שעפלעך, צווישען די מעהל און די זעק מיט קימעל און מאָן. איינער פו די פאליציסטען האט דערנאך ארויסגענומען א פאפיר עפעס דארט אנגעשריבען און דאס אויפגעקלעפט אויף די דרויסענדע טיר, און פינחסל׳ן אליין האט ער געהייסען מיט קומען מיט אים צו די פאליציי. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען איגנאץ האט דאס מאל געקופט זיינע זעמעלעך האט ער אין איין בילקעלע געפונען איינגעבאקען ווערעמליך. האט ער געעפענט נאך א זעמעלע און ווידער געפונען ווערים, — האט ער דעריבער גערופן די פאליציי און זיי האבען געמאכט אן אונטערזוכונג אין פינחסל׳ס בעקעריי און טאקע געפונען איין זעקעל מעהל מילביג און ווערעמדיג און דעריבער האבען זיי דערוייל פארמאכט די בעקעריי ביז עס וועט געמאכט ווערן א פולע אונטערזיכונג.

צו קיין אונטערזיכונג איז אבער קיינמאל נישט געקומען, אבער דער עולם האט דערווייל אנגעהויבן קויפען ביי פינחסל׳ס קאנקורענט, זיך צוגעוואוינט צו אים און ווען מען האט שוין דערנאך ערלויבט פינחסל׳ן צוריק צו עפענען זיין בעקעריי האט ער מער נישט געהאט קיין קונים. איז פינחסל׳ן מער נישט געבליבען ווי דער נאמען בעקער, און דער האס צו דעם אסעמעלירטן איד איגנאץ דורך וועמען זיין אומגליק איז געקומען.

צו אט דעם בעקער איז אמאל פלוצים געקומען צו פארען אין די חודש אלול טעג דער צדיק ר׳ ליב שרה׳ס זצ״ל.

געקומען איז ר׳ ליב שרה׳ס זאמלען געלט פאר פדיון שבויים אויסצולייזען א אידישער ארענדאר וועלכע איז אריינגעווארפען געווארן אין די פריצישע תפיסה פאר נישט בעצאלען זיין מאנאטליכע ראטע. און געקומען איז ר׳ ליב שרה׳ס צו פינחסל׳ן אים צו מאכען פאר א שליח ער זאל גיין צו דעם איינציגן רייכען אידן פון שטעטעל וועלכער איז בכוח צו געבען א גרעסערע נדבה פאר דעם צוועק, — דער אסעמילירטע איגנאץ.

פינחס׳ל בעקער וועלכער האט נישט געוואוסט ווער זיין מאדנער אורח איז, האט זיך נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערען ווען ער האט געהערט וואס דער מאדנער אורח פארלאנגט פון אים. וואס, האט ער זיך געבעטן און פראטעסטירט מיט פחד און מורא, איך זאל געהען צו אים? וואס רעדט איר עפעס? ווי קען איך איבערטרעטן זיין שוועל?.

איר ווילט נישט האבען קיין חלק אין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים? האט אים ר׳ ליב שרה׳ס געפרעגט.

— א חלק יא, אומעטום וועל איך גיין, אבער צו אים דעם פארגוי׳אישטן איד, צו דעם אויסגעפאשעטן טריפה׳ניאק, פאר אים האב איך מורא.

מורא פאר א מענטש, האט ר׳ ליב שרה׳ס גערעדט מיט

התלהבות: מורא פאר א שטיק ערד און ליים? אזוי רעדט א איד? האט דער צדיק געטאדעלט דעם געפאלענעם פינחסל׳ן. מורא דארף א איד האבן פאר ג־ט נישט פאר א מענטש.

געה, האט דער צדיק גערעדט, שטרענג און פריינדליך אין די זעלבע צייט, געה און זאג דעם זינדיגען איד, אז לייב דער זוהן פון שרה דארף האבען אזויפיל און אזויפיל געלט און ער זאל דיר דאס געבען.

ווען פינחס׳ל האט דערהערט ווער זיין מאדנער אורח איז, האט ער אויפגעציטערט, געפילט אז דעם באפעל פון ר׳ ליב שרה׳ס טאר מען נישט אפזאגען, אבער זינט פינחס׳ל איז געווארען אויס בעקער איז ער געפאלען ביי זיך, ער האט פארלוירען יעדער גלויבען אין זיך. ער האט זיך געהאלטען נידריגער ווי א פליג, און דא הייסט אים ר׳ ליב שרה׳ס געהען צו אים, צו דעם וואס האט אים פאראומגליקט און וועלכער איז זיין דם שונא. האט פינחס׳ל נעבעך געציטערט און דערציילט די גאנצע מעשה ר׳ ליב שרה׳סן פארוואס ער האט מורא פאר דעם פאן איגנאץ און זיך געבעטען, רבי שיקט וועמען אנדערש איך האב מורא און וואגט נישט זיך צו ווייזען פאר אים.

פינחס׳ל, פינחס׳ל, האט דער צדיק גערעדט צו אים ווייך און פריינדליך, פאר א מענטש האסטו מורא? פאר א זינדיגען בשר ודם וואס איז נישט מער ווי א שטיק ערד און ווערט זיך אומקערען צו די ערד, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. שרעק דיך נישט פאר זיין פארמעגן, עס איז נישט מער ווי אַש און שטויב. שרעק דיך נישט פאר זיינע רייכע פאלאצען און משרתים עס איז גארנישט, עס איז הבל הבלים וואס דער ווינד קען אוועק טראגען. שטארק דיך פינחס און פיר דורך דיין שליחות מיט שטארקייט און גבורה און דער כוח פון די מצוה וועט דיך באשיצען.

הערענדיג די ווערטער פון ר׳ ליב שרה׳ס האט פינחסל אויסגעגליכען זיין געבויגענעם רוקען געפילט ווי אנאנדערען

מענטש און געמורמעלט צו זיך, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר און פאר א שטיק ערד דארף איך נישט קיין מורא האבען; מיט אָט דעם כוח און אמונה האט פינחסל זיך געלאזט צו איגנאץ'ן אין הויז אריין. ווען דער אסעמילירטער איד האט דערזעהן פינחסל בעקער ביי זיך אין הויז, האט זיין כעס אויפגעברויזט ער האט זיך דערמאנט אין יענעם טאג ווען פינחסל האט אים פארקויפט זעמעלעך וואס זיינען געווען פיל מיט ווערים און ער האט דעמאלט איינגענומען חרפות און בושות פון די גוי'אישע פריצים וואס ער האט מיט געגומען מיט זיך. און איגנאץ האט זיך געקאכט און געהיצט מיט כעס און רציחה און געטראכט, פונקט ווי ער וואלט געווען א גויאישער פריץ, ארויס פונדאנען ווייל איך רייץ שוין אן מיינע הינט אויף דיר.

אויף די פארוואונדערונג פון דעם פאן איגנאץ איז פינחסל געשטאנען מיט א קאלטען לייכטען שמייכעל און געמיטליך געענטפערט, איך וועל גיין, ווען איך וועל האבן דורכגעפירט מיין שליחות פאר וועלכען איך בין געקומען צו דיר. הערענדיג די דרייסטע ווערטער פון דעם אויסגעצערטען בעקער האט דער אויסגעפאשעטער איגנאץ נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן, און ער האט נאך פרובירט סטראשען מיט זיינע הינט און פארובקעס, אבער, פינחסל איז איצינד געווען גאר אנאנדערע מענטש, און ער האט געענטפערט שטאלץ און זיכער, נארישער מענטש פארוועמען זאל איך מורא האבען פאר דיינע הינט, פאר דיין אויסערליכען גלאנץ און רייכטום, עה, ס'איז אלץ גארנישט מיט גארנישט, און דו איגנאץ פונקט ווי איך זיינען נישט מעהר ווי ערד און בלאטע, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, פון די ערד קומען מיר און צו ערד וועלען מיר זיך אומקערען, טָא פארוואס זאל איך מורא האבען פאר דיר?.

וואס מער פינחסל האט גערעדט אלץ מער איז איגנאץ געפאלן ביי זיך און פינחס בעקער איז געוואקסען אין זיינע אויגען. דער אפגעפרעמדטער אסעמילירטער איד האָט אצינד גערעדט גאר אנדערע דיבורים צום בעקער. אים געבעטען זיצען

און אויסגעהערט דעם פארלאנג פון פינחסלן. צו פינחס'לס איבעראשונג האט איגנאץ זיך אפילו נישט פראבירט דינגען, צוגעגאנגען צו זיין פייער קאסע ארויסגענומען די פולע גרויסע סומע געלט וואס ר' ליב שרה'ס האט געדארפט פאר פדיון שבויים און אים דאס געגעבן. ווען פינחסל האט אים בעדאנקט און געוואלט אוועקגעהען, האט איגנאץ אים נישט געלאזט געהען און אים געזאגט בזה הלשון: פינחס איך קען דיך שוין פאר יארען, איך געדענק אז דו ביזט אלעמאל געשטאנען מיט דרך ארץ פאר מיר, מיט דיין היטעל אין האנט, און איבערהויפט נאכדעם ווי איך האב געברענגט צו דעם אז דו זאלסט מוזען פארמאכען דיין בעקעריי ביזט דו מיט מורא אוועקגעלאפען אויב דו האסט מיך נאר דערזעהען, טא זאג מיר ווי קומט דאס וואס דו האסט פלוצים בעקומען אזויפיל מוט און קוראזש צו קומען צו מיר אין הויז פארלאנגען איך זאל דיר געבען געלט און זיך גארנישט געשראקען פאר מיינע סטארשונקעס?.

פינחס בעקער, האט געקראצט זיין קאלטעוואנע בארד, געוואלט געפונען אן ענטפער צו איגנאץ'ס קשיא, און נישט געקענט געפונען האט ער ארויסגעשטאמעלט; פאן איגנאץ איך אליין ווייס נישט ווי עס האט זיך צו מיר גענומען אזוי פיל כוח. דו ווייסט דאך אז זינט יענעם טאג ווען דאס אומגליק האט זיך מיר געטראפען אז מיין געבעקס איז געווען אומריין, זינט דעמאלס בין איך אינגאנצען געפאלען ביי זיך. אויפגעגעבען יעדער האפנונג נאך ווען עס איז זיך צו קענען שטעלן אויף די אייגענע פיס, איך בין געווען זיכער ביי זיך אז אייך איגנאץ איז באשערט רייכקייט, און מיר פינחסל ארימקייט. עס האט זיך מיר אפילו נישט געחלום'ט אז איך זאל אמאל קען שטעהן אין אייער געגנווארט און רעדען מיט אייך אן מורא און פחד. אבער אט דער צדיק וואס איז געקומען צו מיר האט מיר עפעס מיט זיינע ווערטער אריינגעבען אזויפיל גבורה און מוט אז איך פיל אז איך בין אנאנדערער מענטש געווארען, אז איך בין דער זעלבער וואס איר זענט און אז איין מענטש דארף נישט קיין מורא האבען פאר

אנאנדערע, אלץ איז מן השמים... פינחסל האט גערעדט מיט
הארץ און טרערען האבען גערונען פון זיינע אויגן. זיינע ווערטער
האבען גערירט דעם אסעמילירטען איגנאץ און ער האט אן
צערמאניעס א זאג געטון, פינחסל ביזט גערעכט, איך בעט דיך
מחילה פאר דעם וואס איך האב גורם געווען אז דו זאלסט מוזען
פארמאכען דיין בעקעריי איך זאג דיר צו אז איך וועל דיר
העלפען צוריק קענען עפענען דיין בעקעריי, נאר אצינד לאמיר
גיין זיך באקענען מיט דיין מאדנעם צדיק.

ווען פינחס בעקער איז אריינגעקומען מיט איגנאץ׳ן צו ר׳ ליב
שרה׳ס האט ר׳ ליב שרה׳ס געשמייכעלט און געזאגט נו, פינחסל,
געלט אויסצולייזען אונזער פארשפארטען ארענדאר האבען מיר
שוין ב״ה, א צוזאג אז אויך דו וועסט געהאלפען ווערען צוריק
זיך צו קענען נעמען צו דיין פרנסה, האסט דו שוין אויך, איצט
דארף מען נאר, נאך פון די מצוה פון פדיון שבויים ראטעווען די
פארבלאנדזשעטע נשמה פון אט דעם איד, האט ער אנגעוויזען
אויף איגנאץ׳ן.

אין די חסידישע הגדה דערציילט אז דער צדיק האט מחזיר
למוטב געווען, צוריק געברענגט צו אידישקייט דעם אסעמילירטן
איד, און אזוי האט דעמאלט דער קורצער באזוך פון ר׳ ליב
שרה׳ס געהאלפען דריי אידן. געהאלפען דעם נותן, דעם געבער,
פונקט ווי דעם נעמער. א פדיון שבויים פון א גוף און א פדיון
שבויים פון א אידישע נשמה.